ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office

י"ז אדר תשס"ו "משנכנס אדר מרבין בשמחה" פרשת כי תשא

טייערע קינדער שלוחים,
א פריילעכן אדר!

איך בין ניט זיכער אויב איר וועט קענען לייענען די צייטונג די וואך, ווייל איך ווייס ניט אויב איר זייט נאך שיכור פון פורים! איך בין אבער זיכער, אז איר זייט נאך אלע שיכור מיט דער שמחה און פרייד פון פורים, און איך בענטש אייך אז דאס זאל זיך ציען א גאנצען יאר. אין דעם פארברענגען פון פורים תשמ"ב האט דער רבי געבעטן אז איינער זאל זיך "מקריב" זיין פאר אלעמען, און טאקע מקיים זיין די מצוה פון "עד דלא ידע" – צו ווערן שיכור. דער רבי האט געבעטן אז דער מענטש זאל דערנאך איבערקולען זיך אז זיינע פיס זאלן זיין העכער פון זיין קאפ, און אזוי "מוציא זיין" די אלע מענטשן וואס געפינען זיך אין שול. איז איינער אויפגעשטאנען און האט געטרונקן, און האט זיך "איבערגעקולעט". דער רבי האט געפאטשט זיינע הייליגע הענט, און אלע האבן געזונגען און געפאטשט די הענט. די שמחה איז טאקע געווען אין אן אן אופן פון "פריצת גדרים"- צוברעכן אלע גרעניצן.

דערנאך האט דער רבי געבענטשט אז מען זאל מיט די שמחה גיין און מקבל זיין משיח צדקנו- וכן תהי' לנו בפועל ממש!

א. וועכטער

## משיח נאו!



אין דעם פארברענגען פון פורים תשמ"ב האט דער רבי געזאגט, אז ווען מען רעדט מיט א קינד, און אפילו א "קינד" מיט א ווייסע בארד, זאל מען אים זאגן אז ווען מען דערציילט אים אז דער אויבערשטער שטייט איבער אים, מיינט מען **טאקע אים אליין**.

"און דעריבער, קען יעדער איד טראכטן איין גוטע מחשבה, און אזוי ברענגן משיח צדקנו, יעצט ממש מוצאי פורים אין **770** איסטערן פארקוויי– אזוי פסק'נט דער רמב"ם (אז דורך איין מעשה קען מען איבערקערן די וועלט צו די זייט פון זכות, און ברענגן משיח). און נאכמער אויב מען טראכט צוויי אדער דריי גוטע מחשבות, און מען רעדט גוטע זאכן און מען טוט גוטע מעשים קען מען זיכער גלייך ברענגן משיח!"

*זאל עס שוין טאקע זיין יעצט!*

## לעבן מיט דער צייט



### פרשת כי תשא

### מנין בני ישראל

די היינטיקע פרשה הויבט זיך אן: "וידבר ה' אל משה לאמר כי תשא את ראש בני ישראל" - דער אויבערשטער זאגט אן אז מ'זאל ציילן אידן.

דער ענין פון ציילן אידן איז:

בשעת מ'ציילט מענטשן, איז דער קלענסטער צווישן זיי ווערט געציילט ווי איין גאנצער פונקט ווי דער גרעסטער צווישן זיי. ווי מיר זעען בפשטות, אז בשעת מ'ציילט אידן צו א מנין, איז ניט קוקנדיק וואס איינער האט געלערנט א סך, און איז שוין אלט א סך יארן, און דער צווייטער איז גאר א קליינער אין לערנען, און איז ערשט געווארן בר–מצוה - רעכענען זיי זיך ביידע גלייך פאר איינעם. דער קלענסטער רעכנט זיך פאר איינעם פונקט ווי דער גרעסערער רעכנט זיך פאר איינעם.

איינע פון די אפלערנונגען וואס מ'קען דערפון ארויסנעמען פאר "צבאות השם":

יעדערער וואס איז אריין אין "צבאות השם", איז אין "לגיון של מלך" (דעם קייסערס ארמיי) - ווי עס שטייט אויף שבט לוי.

שבט לוי, "לגיון של מלך", הויבט מען אן ציילן גלייך ווי מ'ווערט געבארן, "מבן חדש ומעלה" (ווען מ'זעט אז ס'איז א געזונטער קינד) און לויט דעם וואס דער רמב"ם זאגט אז **"לא שבט לוי בלבד אלא כל איש ואיש כו' אשר נדבו רוחו כו'"** (ניט נאר שבט לוי, נאר יעדער איינער וואס גיט זיך אפ צו דינען דעם אויבערשטן) - איז ער אזוי ווי די לוים און כהנים און "ה' חלקו ונחלתו" - איז פארשטאנדיק, אז פונקט ווי שבט לוי האט מען אנגעהויבן ציילן "מבן חדש ומעלה", אזוי אויך הויבט מען אן ציילן יעדער אידיש קינד וואס גיט זיך אפ אויף דינען דעם אויבערשטן, דורך לערנען תורה און מקיים זיין זיינע מצוות - גלייך פון ווען ער ווערט געבארן, "מבן חדש ומעלה", און גלייך דעמולט גייט ער אריין אין "לגיון של מלך", אין "צבאות השם".

און וויבאלד אז ער ווערט שוין דעמולט "געציילט", ווערט ער גערעכנט אלס איין גאנצער פונקט אזוי ווי דער גרעסטער איד, אזוי ווי אהרן כהן גדול.

דערפון האט מען אן אפלערנונג:

א קליין קינד קען דאך ביי זיך טראכטן אז ער קען ניט אויפטאן אזויפיל

*(המשך אין עמוד 2)*

# דערציילט מיר א מעשה



## פורים ארום די וועלט

אין דער צייט פון מרדכי און אסתר, האט דער אויבערשטער געראטעוועט די אידן אין דער לעצטער מינוט. פונקט אזוי האט דער אויבערשטער אין אלע צייטן געראטעוועט אידישע קהילות פון שלעכטע גזירות. אלס אן אנדענק דערצו האבן די אידן געמאכט "פורים" . דא זיינען צוויי פורים מעשיות.

פורים פון ראודס

אין דעם יאר 1840, ארום 166 יאר צוריק, האט מען געבראכט אן עלילת דם - א בלוט ליבעל – אנטקעגן די אידן פון ראודס.

*(פיל מאל ווען די גויים האבן געוואלט טאן שלעכטס פאר די אידן פלעגן זיי ברענגען א בלוט ליבעל אנטקעגן זיי. די גויים פלעגן זאגן אז אידן האבן גע'הרג'ט א גוי און האבן גענוצט זיין בלוט פאר זייערע מצות. מיר ווייסן אז דאס קען ניט זיין גערעכט, ווייל אידן עסן ניט ח"ו בלוט– מיר באקוקן אפילו די אייער פאר מען נוצט דאס זיכער צו מאכן אז עס איז ניטא קיין בלוט!*

*אבער פיל מאל האבן די גויים אזוי געזאגט, און פיל מאל זיינען געשען שרעקליכע זאכן צו אידן צוליב דעם.)*

דער גאווערנאר פון ראודס האט ארייגעלייגט די אלע אנפירער פון דער אידישער קהילה אין תפיסה, און האט געזאגט אז מען וועט זיי הרג'נען. די אידן האבן ניט געוואוסט וואס צו טאן. זיכער ווייסן מיר אז דאס איז ניט גערעכט, אבער ווי אזוי וועט מען איינרעדן די גויים? דער אויבערשטער האט געהאלפן, און מען האט געפונען דאס קינד וועגן וועלכן מען האט גערעדט אז די אידן האבן אים גע'הרג'ט, און מען האט געזען קלאר אז דאס איז געווען א ליגנט!

י"ד אדר, האט דער סולטאן פון טורקי, אבעד אלמאגיד, געשריבן א ספעציעלן עטעל פאר די אידן צו האלטן, דערקלערנדיג אז די בלוט ליבעלס זיינען ניט אמת! פון יעמלאט אן האבן די אידן פון ראודס געהאלטן א דאפעלטן פורים אויף י"ד אדר!

## פורים פון קיאוס

דער פורים וואס ווערט אנגערופען "פורים די לא סינארע" - דער פורים פון די פרוי, איז אלס אנדענק צו דעם וואס א אידישע פרוי האט געראטעוועט איר שטאט.

ארום 410 יאר צוריק, אין 1595, האבן די שפאנישע סאלדאטן ארום גענומען דעם אינזל קיוס.

וואו נאר די שפאנישע זיינען אנגעקומען האבן זיי אויפגעשטעלט דארטן די אינקוויזיציא. די אינקוויזיציא האט זיך אנגעהויבן אין שפאניע נאכדעם וואס זיי האבן ארויסגעשיקט די אידן פון שפאניע. פיל אידן וואס האבן ניט געוואלט פארלאזן שפאניע, וואס וואלט געמיינט אויך צו פארלירן זייערע געלט, זיינען געבליבן אין שפאניע. די אידן האבן זיך געמאכט ווי זיי זיינען גויים, אבער זיי האבן באהאלטענערהייט געטאן מצוות און געלערנט תורה. די אינקוויזיציא האט געשיקט שפיאנען צו זען אויב די מענטשן – וועלכע מען האט גערופען מאראנוס - היטן תורה און מצוות. אויב זיי האבן געכאפט א אידן אדער א אידענע טאן מצוות, פלעגן זיי אנטאן זייער שלעכטע זאכן צו אים אדער איר. אין אלע שטעט וועלכע די שפאנישע ארמיי האט איינגענומען, האבן זיי דארטן אויפגעשטעלט די אינקוויזיציא.

יעצט קענט איר שוין פארשטיין פארוואס עס איז געווען אזא שלעכטע זאך אז די שפאנישע האבן ארומגערינגלט די שטאט.

א אידישע פרוי האט געוואוינט גלייך לעבן דעם פלאץ וואו די שטאט קיאוס האט געהאלטן אירע וואפן. זי איז ארויסגעגאנגען אינדערפרי צו באקן ברויט פאר איר משפחה. בטעות, האט א פונק פון איר פייער אנגעצונדן דעם בנין פון די וואפן און דאס שיס–פולווער האט עקספלאדירט און דאס האט געמאכט זייער א גרויסען טומל.

די שפאנישע ארמיי איז אנטלאפן, און די אידן זיינען געראטעוועט געווארן פון דער אינקוויזיציא!

*(המשך פון לעבן מיט דיר צייט)*

ווען ער ווייסט אז ער דארף נאך א סך לערנען, און מקיים זיין נאך א סך מצוות.

דערציילט מען אים אז "לגיון של מלך", "צבאות השם", ווערן "געציילט" גלייך ווי מ'ווערט געבארן ("מבן חדש ומעלה"), און במילא ווערט ער גערעכנט אלס איין גאנצער אין דער ציילונג פון דעם שבט וועלכער האט זיך אפגעגעבן אויף דינען דעם אויבערשטן!

עס מאנט זיך נאר אז דער אידישער קינד זאל באשליסן צו דינען דעם אויבערשטן, צו ווערן אן אמת'ער "יהודי", וועלכער איז מודה בכל התורה כולה, לערנען תורה און מקיים זיין אירע מצוות, און טוט אזוי יעדן טאג, "בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך".

*(פון "דער רבי רעדט צו קינדער" - שיחת י"ב אדר תשמ"ב)*

# דער חסידישער לוח



## פרשת פרה




דעם שבת ליינט מען פרשת פרה אין שוהל. פרשת פרה איז די דריטע פון די פיר ספעציעלע פרשיות וואס מען ליינט פאר פסח. די פרשה רעדט וועגן דער מצוה פון פרה אדומה.

די אש פון דער פרה איז אויסגעמישט געווארן מיט וואסער פון א לעבעדיקען קוואל, און אנגעשפריצט געווארן אויף איינעם וואס איז געווארן טמא. דאס האט אים געמאכט טהור נאכאמאל.

דער רמב"ם שריבט, "ניין מאל האט מען געמאכט א פרה אדומה פון זינט דער צייט ווען די אידן זיינען אנגעזאגט געווארן וועגן די מצוה, ביז דער צווייטער בית המקדש איז חרוב געווארן. די צענטע פרה וועט צוגעגרייט ווערן דורך משיח צדקינו זאל ער נתגלה ווערן, אמן כן יהי רצון."

*פון דעם וואס דער רמב"ם זאגט 'מהרה יגלה אמן כן יהי רצון' אין מיטן דער הלכה, לערנען מיר א געוואלדיקע הוראה: אין אליץ וואס מען טוט און לערנט, מוז מען אלעמאלווארטן און בעטן אויף משיח.*

מיר לייענען וועגן דער פרה אדומה פאר פסח, אונז צו דערמאנען אז מיר מוזן זיין טהור איידער מען ברענגט דעם קרבן פסח.

לעילוי נשמת
אאמו"ר הרה"ח התמים ר' **דובער** בן הרה"ח ר' **נפתלי** שו"ב ע"ה **יוניק**
**זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים**
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה
נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו


A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת כי תשא

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוזים׳ס אופיס פאר מיטוואך,
און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)

אין דער וואך׳ס פרשה לערנען מיר וועגן דער מצוה פון שבת.
שרייב דעם נאמען פון דער מלאכה אונטער יעדעס בילד























## דער געווינער פון פרשת תצוה: מנחם מענדל חזקלביין, 5

## הצלחה רבה

נאמען: ______________________________ ווי אלט: _____

אדרעס: ______________________________________

______________________________________

אימייל: ______________________________